# פרשת חוקת ד' – י' תמוז תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת חוקת***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **עמרם הירש** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לשכונת סקאפ"ס, והשתתף אצל התנאים של בת הר"ר **נפתלי מאשקאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יצחק טאבאק** הי"ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למחנינו בפארקסוויל, והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **עמרם הירש** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך איז געווען די פרשה פון קרח, און די וואך איז די פרשה פון חוקת, עס איז דא א מדרש (פליאה) וואס איז משלב די צוויי פרשיות צוזאמען. מה ראה קרח לחלוק על משה, וואס האט קרח געזען מחולק צו זיין מיט משה רבינו, פרשת פרה אדומה ראה, ער האט געזען די פרשה פון פרה אדומה, און דאס האט צוגעברענגט אז ער זאל חולק זיין אויף משה רבינו. די מפרשים פלאגן זיך, וואס פאר א שייכות האט די מצוה פון פרה אדומה מיט די מחלוקת פון קרח.

**עס** קען אפשר זיין א כוונה, רש"י (במדבר יט-כב) ברענגט צו פון רבי משה הדרשן, אז פרה אדומה קומט מכפר צו זיין אויפן חטא העגל, און אלע פרטים וואס איז דא ביי די מצוה פון פרה אדומה, האט א שייכות מיטן חטא העגל. און רש"י שטעלט צו אויף יעדן פרט, וואס די שייכות איז. צו שחט'ן דעם פרה אדומה, האט מען געגומען אלעזר הכהן, ווייל אזוי ווי אהרן הכהן האט חוטא געווען מיטן עגל, און דער פרה אדומה קומט מכפר צו זיין אויפן חטא העגל, קען נישט אהרן טון די עבודה, האט מען עס איבערגעגעבן פארן סגן, פאר אלעזר הכהן.

**קומט** דאך אויס, אז מען זעהט ביי די פרשה פון פרה אדומה, אז אהרן האט נישט געקענט טון די עבודה פון די פרה אדומה, ווייל ער איז געווען דער וואס האט צוגעברענגט צום חטא העגל, און אין קטיגור נעשה סניגור. האט קרח גע'טענ'ט, אז אויב ער קען נישט מאכן די פרה אדומה, ווייל ער האט א שייכות מיטן חטא העגל, און א קטיגור קען נישט ווערן א סניגור, ווי אזוי קען ער זיין דער כהן גדול, ער זאל זיין דער סניגור פאר יודען יום הקדוש, ווען מען דארף אריינגיין לפני ולפנים טון די עבודה. מה דאך פרה אדומה וואס איז א עבודה וואס איז נעשה בחוץ, האט אהרן נישט געקענט טון די עבודה, איז דאך אוודאי אז ער קען נישט טון א עבודה וואס איז בפנים.

**'מה** ראה קרח לחלוק על משה', פארוואס האט קרח מחולק געווען אויף משה רבינו, וועגן די כהונה פון אהרן, 'פרשת פרה אדומה ראה', ער האט געזען ביי די פרשה פון פרה אדומה, אז מען נעמט אלעזר צו טון די עבודה, ווייל אהרן איז נישט ראוי צו זיין א סניגור. אויב ער איז נישט ראוי צו זיין א סניגור, קען ער נישט זיין דער כהן גדול, וואס דארף זיין דער סניגור אויפן כלל ישראל יעדן יום הקדוש.

**די** קשיא איז דאך א שטארקע קשיא, אז מען נעמט נישט אהרן צו די עבודה פונעם פרה אדומה, ווייל ער קען נישט זיין א סניגור, ווי אזוי האט מען אים גענומען אז ער זאל טון די עבודה אין בית המקדש, און ער זאל זיין דער מכפר על בני ישראל. יעדן יום כיפור איז קיינער נישט אריינגעגאנגען אין קדשי קדשים, נאר דער כהן גדול.

**עס** קען זיין אז דער טעם דערפון איז, ווייל באמת איז אהרן'ס חטא וואס ער האט געזינדיגט ביים עגל, נישט געווען אזא חטא. ווייל עס שטייט אין מדרש (ויק"ר י-ג), אז אהרן האט געטון א מסירת נפש פארן כלל ישראל. ראה חור זבוח לפניו, ער האט געזען אז מען האט גע'הרג'ט חור, האט ער מורא געהאט אז מען וועט אים אויך הרג'ענען, און עס וועט מקוים ווערן אם יהרג במקדש ה' כהן ונביא (איכה ב-כ), ער איז געווען א כהן מיט א נביא, און אז מען וועט אים הרג'ענען וועלן די יודען

נישט קענען האבן א כפרה. איז ער גרייט געווען, און ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר יודען, איך גיי טון א עבירה, און מיט דעם וועל איך מציל זיין דעם כלל ישראל. און דער אייבערשטער וואס איז א יודע מחשבות, ער ווייסט דעם אמת אז אהרן האט עס געטון, נישט ווייל ער האט געהאט א שייכות מיטן עגל, נאר ווייל ער האט געוואלט מציל זיין כלל ישראל, איז וועגן דעם, אהרן נאך חשוב'ער געווארן ביים אייבערשטען דורכ'ן חטא העגל. נישט נאר ער האט נישט געזינדיגט, נאר ער האט געהאט מסירת נפש צו זיין א כפרה פארן כלל ישראל, וועגן דעם האט ער געמאכט דעם עגל. פאר המון עם קוקט עס טאקע אויס ווי אהרן האט געזינדיגט, בפועל האט ער דאך געמאכט דעם עגל, אבער דער אייבערשטער וואס איז א יודע מחשבות, רחמנא לבא בעי (רש"י סנהדרין קו:), דער אייבערשטער דארף דעם הארץ, און דער אייבערשטער האט געזען אז ער האט נישט געטון א עבירה, אדרבה זיין עבודת ה', דאס מסירת נפש וואס אהרן האט געטון, איז געווען אויף א גאר דערהויבענעם אופן.

**ווען** מען דארף טון א עבודה בחוץ, מכפר צו זיין אויפן חטא העגל, האט מען נישט געקענט נעמען אהרן, ווייל כלפי חוץ האט אהרן געהאט א שייכות מיטן חטא העגל, ער האט דאך געמאכט דעם עגל, קען נישט זיין אז דער קטיגור זאל זיין דער סניגור. די מקטריגים אויבן וועלן זיך אפרעדן, ווי אזוי קען זיין, אז אהרן וואס איז געווען דער עושה העגל, ער זאל זיין דער מכפר, האט ער נישט געקענט טון די עבודה פון שחט'ן די פרה אדומה. אבער אריינגיין אין קדשי קדשים, איז דאך דאס געווען נאר בינו לבין המקום, וכל אדם לא יהיה באהל מועד (ויקרא טז-יז), אפילו מלאכים האבן נישט געקענט אריינגיין דארט (ירושלמי יומא ה-ב). ווען אהרן שטייט בינו לבין המקום, ווען ער שטייט צווישן זיך מיטן אייבערשטען, איז נישט דא קיין שום פראבלעם מיט זיין חטא פונעם עגל, ווייל דער אייבערשטער ווייסט דעם אמת, אז עס איז געווען א מסירת נפש פון אהרן. קומט אויס, אז די עבודה וואס איז געווען אין קדשי קדשים בפנים, דאס האט אהרן געקענט טון, ווייל ווען ער שטייט מיטן אייבערשטען אליין, איז ער נישט א קטיגור, אבער ווען מען האט צוטון מיטן אינדרויסענדיגע מענטשען, דעמאלטס איז ער געווען א קטיגור, און ער האט נישט געקענט זיין א סניגור.

**על** כל פנים זעהט מען, אז דער עיקר פון עבודת ה' איז דאס הארץ, רחמנא לבא בעי, עס איז נישט גענוג ווען מען טוט די עבודה נאר פון אינדרויסען. אפילו ווען די מעשה איז נישט אזוי גוט, אבער די הארץ איז גוט, שטייט עס העכער פון די פעולה וואס דער מענטש טוט בחיצוניות. איז דאך א כל שכן א מעשה בחיצוניות אן דעם הארץ, האט נישט קיין חשיבות ביים אייבערשטען. ולעבדו בכל לבבכם (דברים יא-יג), די עבודה דארף זיין מיטן גאנצן הארץ. דער בר מצוה בחור גייט אריין לעול המצות, ער נעמט אויף זיך צו טון אלע מצות פונעם אייבערשטען, דארף עס נישט זיין נאר בפועל, דער עיקר איז דאס הארץ, די מחשבה שבלב, צו מאכן יעדע זאך מיט א ריינע כוונה, און א ערליכע כוונה.

*

***יום שני פרשת חוקת***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יואל גריפעל** הי"ו.

*

***יום רביעי פרשת חוקת***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לקרית יואל והשתתף אצל התנאים של בת הר"ר **משה אהרן גאנדל** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יוסף יוחנן לאנדא** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת מייזעלס. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **ישכר דוב ראזענבערג** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם שמחה גאטליעב** הי"ו, שהתקיים באולם בערקאוויטש.

אחר השבע ברכות נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל הבר מצוה של בן ש"ב הרב **חיים יהודא דייטש** שליט"א (בן הרה"ג **רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א** אב"ד חליסה, וחתן הרה"ג **רבי אלי' יצחק בריסק שליט"א** אב"ד טאשנאד) שהתקיים באולם טאשנאד.

*

***יום חמישי פרשת חוקת***

אחר מעריב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **יצחק מרדכי** נ"ו בן **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו בוומסב"ג, עב"ג בת הר"ר **יעקב יוסף לעפקאוויטש** הי"ו.

*

***שבת קודש פרשת חוקת***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכא בבית המדרש. **רבינו שליט"א** כיבד את הרב **יהודא באדאנסקי** שליט"א לשור אליהו הנביא. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי שמחה ישכר בער מציעשנוב זי"ע** (מתוך הספר י"ג אורות). בברכת המזון נתכבד הר"ר **אברהם יהודא האפפמאנן** הי"ו.

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

פעם היה מו"ח זצ"ל (הרה"ק רבי איציק'ל מפשעווארסק זצ"ל) בשבת שובה בציעשנוב, והרה"ק מציעשנוב קרא בתורה את פרשת האזינו בהתלהבות נוראה. ומו"ח תיאר **להגה"ק מקאלאשיץ** את הרגשתו בשעת הקריאה, באומרו, שבמשך כל הקריאה לא ידע מעצמו כלום, ורק בשעת גלילה נזכר מהאכסניא שלו. **והגה"ק מקאלאשיץ** כשסיפר זאת לאחרים התבטא ואמר, **רבי איציק'ל** היה לו התפשטות הגשמיות.

**והוסיף רבינו:** מען זאגט נאך פון איינע פון די צדיקים, אז יום כיפור איז דאך געווען אסאך עבודות אין בית המקדש, און אלעס האט געמוזט געטון ווערן דורכן כהן גדול. ווען מען האט געענדיגט אלע עבודות איז געבליבען ארויסצוטראגען דעם שעיר לעזאזל, וואס דאס האט מען איבערגעגעבן ביד איש עתי, פאר א שליח, אז ער זאל עס ארויסטראגען, און אין די צייט האט דער כהן גדול געליינט קריאת התורה אין בית המקדש. שטייט אין די משנה (יומא סח:), אז די צוויי זאכן זענען געווען אין די זעלבע צייט, און ווער עס האט געזען דעם כהן גדול ליינען, האט נישט געקענט זעהן ווי אזוי דער שליח האט ארויסגעטראגען דעם שעיר לעזאזל, און דער וואס האט געזען ווי אזוי מען טראגט ארויס דעם שעיר לעזאזל, האט נישט געקענט זעהן דעם כהן גדול ביים ליינען.

**האט** מען געפרעגט איינע פון די צדיקים, וועלכע יוד האט נישט ענדערש געוואלט צוקוקען ווי אזוי מען טראגט ארויס איין מאל אין יאר אלע עבירות אויף דעם שעיר לעזאזל, און ער זאל גיין הערן דעם כהן גדול ליינען? קריאת התורה איז דאך דא יעדע מאנטאג און דאנערשטאג. האט ער אים געזאגט, ווען דו וואלסט איינמאל געהערט דעם **צאנזער רב** ליינען קריאת התורה, וואלסטו נישט געהאט די קשיא. וואלסטו געקענט פארשטיין אז עס איז געווען חשוב'ער פאר אטייל יודען צו הערן ווי אזוי דער כהן גדול ליינט די קריאה יום הקדוש, ווי צו זעהן ווי אזוי דער איש עתי האט ארויסגעטראגען דעם שעיר לעזאזל.

*

**הגה"ק מציעשנוב** נהג על פי רוב להתענות בערבי שבתות של שובב"ים. פעם בסוף ימיו כשהיה כבר חלש מיהר לקדש אחרי התענית לפני שעה שש, ואחר שלקח הכוס בידו, דפק המורה שעות שהגיע שעה שש, ומפני כבוד הכוס לא הניחה מידו, אלא חיכה שעה שלימה דבוק במחשבותיו הק' כשהכוס בידו, על אף גודל חולשתו, ורק אחר כך קידש.

**והעיר רבינו:** אזעלכע מעשיות, עס איז קלייניגקייטן, אבער דאס ברענגט ארויס די פנימיות און צדקות פון א יוד.

*

**הגה"ק מציעשנוב** אמר פעם, שהוא מתקנא במי שאינו יודע לקרוא אותיות של הנכרים. ואמר מו"ח שכוון **להגה"ק מקאלאשיץ** שהוא לא ידע כלל את האותיות. וגם מה שלמדו אותו איך לחתום את שמו, לא הבין מה שכותב.

**והוסיף רבינו:** די וועלט זאגט נאך אויפן **מעשי למלך**, דער **ווייצענער רב זי"ע**, אז עס איז א מאל געווען א אסיפת הרבנים, און עס איז געווען פארשידענע דיעות וועגן עפעס א ענין וואס מען זאל טון. ער האט געזאגט זיין דעה, און אנדערע האבן געהאלטן אנדערש. דער **ווייצענער רב** איז געווען א תקיף, האט ער געגעבן א קלאפ אויפן

טיש, און ער האט געזאגט, 'דרך ארץ פאר א יוד וואס קען נישט אונטערשרייבן זיין נאמען אויף גוי'ש'. פון אלע זיינע מעלות וואס ער האט געהאט, האט ער אויסגערעכנט אז זיינע השקפות זענען הייליגע השקפות, ווייל ער איז אזוי אפגעהיטן, אז ער קען נישט שרייבן זיין נאמען אויף גוי'ש, און מען דארף האבן דרך ארץ פאר אים.

# פרשת בלק י"א– י"ז תמוז תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת בלק***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **אברהם פריילין** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למחנה אהבת ישראל ויזניץ, והשתתף אצל השבע ברכות של בת **הגה"צ רבי יצחק יוחנן האגער שליט"א** אב"ד תורת חיים וויזניץ וומסב"ג, עב"ג בן **הרה"ג רבי יעקב יוסף האגער שליט"א** אב"ד תורת חיים וויזניץ ב"פ.

*

***יום חמישי פרשת בלק***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **אברהם בראדי** הי"ו. אחר התפלה התקיים מסיבת לחיים לכבוד השמחה.

בשעות הצהרים הגיעו תלמידי ישיבת סאטמאר (ק"י, ביחד עם המנהל הרב **וואלף לאנדא** שליט"א) שנבחנו על יו"ד ח"א, לשמוע דברי חיזוק מאת **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דער** חשובער מנהל האט מיר געבעטן, אז איך זאל רעדן אפאר ווערטער צו די בחורים. באמת ווייס איך נישט וואס איך האב צו זאגן, מען רעדט צו בחורים וואס האבן זיך געפלאגט אויף לערנען במשך דעם גאנצען יאר. און מען קומט יעצט פון א פארהער, ווי מען האט זיך פארהערט וואס מען האט געלערנט. מען זיצט און מען לערנט פלייסיג, דאס איז די גרעסטע מוסר ספר, דאס איז די גרעסטע קדושה, און עס איז נישט דא אסאך וואס מען דארף זאגן פאר די בחורים. מען וואלט געדארפט ברענגען די בחורים וואס זענען נישט געקומען זיך פארהערן, און פאר זיי רעדן, אבער נישט פאר די וואס האבן זיך פארהערט.

**בעצם** איז דאס וואס מען האט געלערנט, און מען האט זיך פארהערט, זייער חשוב. אין חז"ל (סנהדרין צט.) ווערט צוגעגליכן ווען א מענטש לערנט, און ער חזר'ט נישט וואס ער לערנט, איז ער אזוי ווי א זורע ואינו קוצר. א מענטש קען זיך פלאגן אויף זיין פעלד, איינזייען דאס פעלד, עס קאסט אים געלט און פלאג, און ווען דער אייבערשטער העלפט, אז עס האט מצליח געווען, און די פירות זענען געוואקסען, און עס קומט די צייט אראפצונעמען די פירות, דעמאלטס ווערט ער פויל, און ער לאזט אלעס איבער. עס איז דאך א שאד אז דו האסט זיך געפלאגט דערויף, פארוואס זאלסטו נישט אראפנעמען יעדע וועיצל וואס איז געבליבען.

**א** בחור לערנט אסאך מאל א גאנץ יאר, ער פלאגט זיך וואך נאך וואך, א יעדע שורה גמרא קומט אים אן ביטער שווער צו פארשטיין מיט יעדע תוספות, און ווען עס קומט סוף זמן, ווען ער דארף עס מיטנעמען, אז ער זאל עס געדענקען אויף זיין גאנץ לעבן, גירסא דינקותא (שבת כא:), דעמאלטס ווערט ער פויל, עס איז אים שווער איבערצוחזר'ן. און אויף דעם פארלייגט זיך דער יצר הרע, ווייל ער ווייסט אז ביים איבער'חזר'ן וועט ער קונה זיין דאס לערנען אויף שפעטער. איז באמת זייער חשוב דאס וואס מען האט זיך געפלאגט, און מען האט איבערגע'חזר'ט, און מען האט זיך פארהערט וואס מען האט געלערנט. דאס איז דער תכלית פונעם לערנען, אז מען זאל צוקומען צו דעם, אז מען זאל זיך קענען פארהערן וואס מען האט געלערנט.

*

**די** חשיבות פון א יוד איז, די מויל וואס מען האט. כי קרוב אליך הדבר מאד, עס איז זייער נאנט צו דיר די תורה, בפיך ובלבבך לעשותו (דברים ל-יד), די ערשטע איז 'בפיך', די עבודה פון א יוד הייבט זיך אן מיט דעם מויל. עס שטייט אין רש"י די וואך (במדבר כב-כג), אז די כח פון כלל ישראל איז מיט דעם דיבור פון זייער מויל. דער **רבי ר' אלימלך זי"ע** שרייבט די וואך, וירא בלק בן צפור את כל אשר עשה ישראל לאמורי (במדבר כב-ב), זאגט ער, 'אמורי' איז א לשון פון רעדן. בלק האט זיך מתבונן געווען, וואס איז דער כח פון א יוד, ווי אזוי קענען יודען אדורכגיין אין מצרים און זיך האלטן די גאנצע צייט אין מצרים. ווי אזוי גייט מען אדורך אינעם מדבר פערציג יאר, און דער

אייבערשטער מאכט פאר זיי אזויפיל נסים ונפלאות, צו באזיגן די גיבורים און ריזן סיחון ועוג, וואס איז דער כח פון א יוד. האט ער זיך מתבונן געווען, אז זייער כח איז נאר אינעם מויל. זיי דאווענען, און זיי לערנען. ווען א יוד דאווענט און ער לערנט, און ער דינט דעם אייבערשטען, טוט אים נאכדעם דער אייבערשטער אלעס וואס ער דארף האבן. רצון יראיו יעשה, ואת שועתם ישמע ויושיעם (תהלים קמה-יט). - 'וירא בלק', התבוננות ווערט אנגערופן מיטן לשון ראיה, בלק האט זיך מתבונן געווען, 'את כל אשר עשה ישראל', אז אלעס וואס יודען האבן געטון, איז צו פארדאנקן, 'לאמורי', פארן דיבור. ווען א יוד היט זיך זיין דיבור, ער נוצט אויס זיין מויל פאר תורה און עבודת ה', קען ער אנקומען איבעראל.

**אז** בלק האט געוואלט שעלטען יודען, האט ער אויך געדארפט זיכען איינער וואס האט א כח מיטן מויל, ווייל ער האט געוואסט אז דער כח פון יודען איז מיטען דיבור. און בלעם איז אויך געווען זיין כח נאר מיט זיין מויל, כי ידעתי את אשר תברך מבורך ואת אשר תאור יואר (במדבר כב-ו). מיטן דיבור איז דער מענטש געבענטשט, מער פון אלע אנדערע ברואים וואס איז דא אויף די וועלט. בעלי חיים איז דא אלע ערליי מינים, אבער די חשיבות פון א מענטש איז, אז ער האט א כח הדיבור, אויפן פסוק (בראשית ב-ז) ויהי האדם לנפש חיה, טייטשט דער תרגום לרוח ממללא, א מענטש קען רעדן. און אינעם רעדן אליין, ווענט זיך אויך וואס מען רעדט. א גוי קען אויך רעדן, אבער א יוד קען אויסנוצן זיין דיבור פאר תורה און עבודת ה', אויף די העכסטע מדריגה וואס ער קען צוקומען.

**אינעם** דיבור איז דא, סור מרע, אוועקגיין פונעם שלעכטס, ועשה טוב, און טון גוטס. סור מרע איז טייטש, זיך אכט געבן אויפן דיבור, נישט רעדן וואס מען דארף נישט. נישט זאגן קיין ליגענט, נישט רעדן קיין לשון הרע, רכילות, אונאת דברים, לא תונו איש את עמיתו (ויקרא כה-יז). איין טשעפע ווארט וואס מען זאגט פאר יענעם, האט ער עובר געווען א לאו אין די תורה. עס איז נישט קיין חילוק צו עס איז א קליינע טשעפע צו א גרויסע, די קלענסטע טשעפע וואס מען גיט פאר יענעם, איז פונקט אזוי הארב ווי די גרעסטע. עס איז די זעלבע לאו פון לא תונו איש את עמיתו, מען האט עובר געווען די זעלבע עבירה. מען דארף זיך היטן דעם דיבור, מען דארף זיך היטן נישט צו רעדן קיין ניבול פה, דאס איז דער חלק פון סור מרע.

**נאכדעם** קומט דער חלק פון עשה טוב, אויסנוצן דעם גאנצן טאג צו זיצען און לערנען, ובתורתו יהגה יומם ולילה (תהלים א-ב). ווען עס קומט די צייט פון תפלה, זאל מען זיך אריינלייגען אינעם דאווענען, מתפלל זיין און בעטן פונעם אייבערשטען. און עס איז פארבינדען איינס מיטן אנדערן, ווען א מענטש האט א ריין מויל, ער איז אפגעהיטן, נאכדעם ווען ער שטעלט זיך דאווענען, און ער בעהט דעם אייבערשטען מיט דעם ריינעם מויל, קען די תפלה ארויפגיין זייער זייער הויך, און עס ווערט נתקבל וואס ער בעהט. אבער אז מען האט נישט א ריינעם מויל, די מויל איז פארשמירט, וואס קען שוין אזא תפלה עושה רושם זיין.

**די** זעלבע איז אין תורה, מען לערנט, יעדער וויל אז די לערנען זאל אים אויסאיידלען, דאס לערנען זאל אים מקדש זיין, עס זאל אים דערהייבן. אז מען לערנט תורה מיט א ריין מויל, ווערט מען דערהויבן. אבער אז עס פעלט דער ריינער מויל, די מויל רעדט איסורים, קען נישט נאכדעם די זעלבע מויל דערהויבן ווערן דורך תורה און תפלה.

**היינט** איז די יארצייט פונעם **אור החיים הק'**. דער **אור החיים הק'** שרייבט (פ' פנחס כו-כג) בשם דער **רבינו יונה** (אבות א-יז) אז די מויל פון א יוד איז אזוי ווי א כלי שרת, וואס מען האט גענוצט אין בית המקדש צו טון די עבודה. אן א כלי שרת, קען מען נישט טון די עבודה, אלעס האט מען געדארפט מקדש זיין אין א כלי שרת. די מויל פון א יוד איז א כלי שרת, און מען טאר עס נישט מטמא זיין. א מענטש קען קאכן די בעסטע מאכלים, די באַ'טעמ'סטע מאכלים, אבער טאמער מען וועט עס אריינלייגען אין א שמוציגע טעלער, וועט מען נישט צורירן דערצו. טאמער מען וועט עס קאכן אין א שמוציגען טאפ, וועט מען נישט צורירן דערצו. די מאכל קען זיין זייער א פיין מאכל, אבער

טאמער די כלי ווי די מאכל קומט אריין איז פארשמירט, האט עס נישט א חשיבות.

**ווען** בלעם האט געבענטשט די יודען, האט ער געזאגט מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל (במדבר כד-ה), די געצעלטן פון יודען זענען זייער שיין. ווייל ער האט געוואוסט, 'לאמורי', אז יודען טוען זיך היטן דעם דיבור מיט תורה און תפלה, און ממילא זענען די שטובער שיינע שטובער.

**איך** ברענג עס ארויס, ווייל מען האט מיר געזאגט, אז א גרויס חלק פון די בחורים האבן מקבל געווען אויף זיך, אז זיי רעדן נישט אינדערפרי פארן דאווענען. ווען מען שטייט אויף צופרי, און מען האט א ריין מויל, און מען שטעלט זיך אזוי דאווענען, האט דאס דאווענען א אנדערע פנים, און עס קומט אן העכער, ווי עס קומט אן א דאווענען וואס מען רעדט פאר דעם. מען האט זיך פארגענומען אז מען וועט נישט ליינען קיין צייטונגען, און אנדערע זאכן וואס שטערן פון לימוד התורה. אז מען איז מקדש די אלע זאכען, דעמאלטס קומט מען אן זייער הויך אין תורה און אין תפלה.

*

**בלעם** האט געזאגט, מה טובו אהליך יעקב, און רש"י זאגט, 'ראה שאין פתחיהם שוות', ער האט געזען אז די טירן ביי יודען זענען נישט אייניג איינס אקעגן דעם אנדערן. יודען לעבן מיט צניעות, מען קוקט נישט אריין צו יענעם אין פענסטער. יעדער האט אזוי אויסגעשטעלט זיין אהל, אז ער זאל זיין פאר זיך, און נישט אריינקוקען צו א צווייטען, האט ער זייער גערימט די מעלה פון יודען. אין הייליגע ספרים שטייט, אז דער אייבערשטער בעהט פון יודען, פתחו לי פתח כחודו של מחט, און דער אייבערשטער וועט אויך עפענען א פתח כפתחו של אולם. אז אונז וועל מיר טון, וועט דער אייבערשטער טון. אבער עס איז אין פתחיהן שוות, די צוויי פתחים זענען נישט אייניג. פון אונז בעהט מען נאר א חודו של מחט, א שפיץ פון א נאדל, און דער אייבערשטער זאגט, איך וועל ענק עפענען א פתח כפתחו של אולם. בלעם האט גערימט יודען, אז עס איז אין פתחיהן שוות, מען בעהט נישט פון א יוד אזוי סאך, מען בעהט פון דיר א קלייניגקייט, שטעל דיך צו אפילו נאר ווי א חודו של מחט, וועסטו זעהן אז דער אייבערשטער וועט דיר העלפן, און ער וועט דיר עפענען כפתחו של אולם. - דאס איז דער מה טובו אהליך יעקב, אונז דארף מיר טוען, אפילו מען קען נישט אנקומען א סאך, מיר זענען שוואכע דורות, אבער מען טוט וואס מען קען, אפילו נאר כחודו של מחט, מען הייבט אן צו דינען דעם אייבערשטען, אפילו נאר מיט א שפיץ, אבער מיט א ריין הארץ, דעמאלטס איז מען זוכה אז דער אייבערשטער עפענט א פתח כפתחו של אולם.

**די** וועלט זאגט אבער, אז מען מוז עפענען א פתח כחודו של מחט, דער פתח דארף געבן א שטאך אין הארץ. טאמער דער פתח שטעכט נישט, האט ער עס נאכנישט געעפענט. יעדער וויל זיין וואויל, ער וויל אנהייבן, אבער אויב עס שטעכט אים נישט, עס טוט אים נישט ווי זיין מצב וואס ער איז, אז ער זאל זיך וועלן דערהייבען דערפון, האט ער נאכנישט גע'עפענט דעם פתח. ווען עס טוט ווי' פאר א מענטש פונעם טיפעניש פונעם הארץ, פארוואס ער איז אזוי, און ער וויל דינען דעם אייבערשטען, אז מען עפענט אזא פתח, עפענט דער אייבערשטער דעם פתחו של אולם.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **גערער רבי**, דער **אמרי אמת**, אז ער האט געזאגט, עס איז דא אסאך טירן וואס זענען גרעסער פונעם פתחו של אולם, עס איז דא טויערן פון שטעט וכדומה, פארוואס כאפט דער מדרש אן, אז דער אייבערשטער עפענט א פתח כפתחו של 'אולם'. האט ער געזאגט, אז אין בית המקדש איז געווען פארשידענע פתחים, עס איז געווען דער היכל, און עס איז געווען דער אולם. דער היכל האט געהאט טירן, אבער דער אולם איז נאר געווען א עפענונג אן טירן. וואס איז דער חילוק? ווייל דארט ווי עס איז דא א פתח מיט טירן, אמאל זענען פארמאכט די טירן, און אמאל זענען אפען די טירן. אבער א פתח וואס האט נישט קיין טירן, איז דער פתח אייביג אפען. ווען דער אייבערשטער עפענט זיין פתח, איז עס כפתחו של אולם, עס איז נישט א פתח וואס איז דא דערויף טירן, וואס אמאל פארמאכט זיך עס.

נאר דער באשעפער עפנט א פתח כפתחו של אולם, וואס איז ברייט אפען.

*

**מען** גייט יעצט אריין אין די דריי וואכען, די צייט ווען דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געווארן, נישט ווייל עס האט געפעלט תורה, און נישט ווייל עס האט געפעלט דאווענען, און נישט ווייל עס האט געפעלט גמילות חסדים. די גמרא (יומא ט:) זאגט, אז ביים חורבן פון בית שני איז געווען תורה און עבודה און גמילות חסדים, [און אז די גמרא זאגט אז עס איז געווען, מיינט עס אז עס איז געווען אזא תורה, וואס די גמרא האט פארשטאנען אז עס הייסט תורה און עבודה און גמילות חסדים], און נאר וועגן שנאת חנם וואס איז געווען ביי יודען, מען האט זיך פיינט געהאט איינעם דעם צווייטען. עס האט אויסגעקוקט ווי מען איז גוטע חברים, אבער אונטערן רוקן האט מען געגערעדט איינער אויפן צווייטען, וועגן שנאת חנם איז חרוב געווארן דער בית המקדש.

**וואס** מיינט שנאת חנם, קיינער האט נישט פיינט יענעם אומזיסט. די וועלט זאגט אז עס איז נישט דא ביי יודען שנאת חנם, אבער איז עס פאר געלט, אבער איז עס פאר כבוד. פאר עפעס איז עס, עס איז נישט קיין שנאת חנם. וואס מיינט יא שנאת חנם, רש"י (שבת לב:) טייטשט, אז שנאת חנם איז טייטש, א שנאה וואס די תורה האט נישט ערלויבט. עס איז דא שנאה וואס די תורה ערלויבט, א רשע איז מען מחוייב פיינט צו האבן, אבער א ערליכען יוד טאר מען נישט פיינט האבן. שנאת חנם איז טייטש, א שנאה וואס דו האסט אים פיינט אומזיסט. ווען די תורה וואלט דיר געהייסען פיינט האבן, מעגסטו, אבער ביי זיי איז געווען שנאת חנם. אין די צייט פון בין המצרים, ווען מען טרעט אריין אין די דריי וואכען, דארף יעדער יוד עפעס טון פארן בנין פונעם בית המקדש, זיך פארנעמען א געוויסע הנהגה ביי זיך, ווי אזוי ער קען ממעט זין שנאת חנם. בחורים האבן נישט צוטון מיט די וועלט, אבער צווישן זיך אליין, וואס מען טוט מוסיף זיין בין אדם לחבירו, טוט מען צולייגען נאך א ציגל צום בנין פונעם בית המקדש.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז אזוי ווי עטץ האטס זוכה געווען איבער'חזר'ן וואס מען האט יעצט געלערנט, זאל מען אויך קענען איבער'חזר'ן וואס מען האט געלערנט פאר א יאר, און פאר צוויי יאר. און מען זאל זיך נישט באגנוגענען אז איך האב שוין איינמאל גע'חזר'ט, און איך האב עס געקענט, איך קען שוין גיין ווייטער, ווייל מען פארגעסט זייער שנעל וואס מען לערנט. יעצט ווען מען קען עס, איז זייער גרינג עס איבערצו'חזר'ן, און מען זאל עס כסדר איבער'חזר'ן אויסענווייניג. מען מוז נישט האבן דערצו א גמרא אדער א שלחן ערוך, נאר במחשבה איבערגיין די בלעטער גמרא וואס מען האט געלערנט, און די שלחן ערוך וואס מען האט געלערנט, ביז עס וועט זיין מחודדים ושגורים על פיו. עס שטייט אין די גמרא (חגיגה ט:) אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים, לשונה פרקו מאה פעמים ואחד. מיר האלטן זייער ווייט פון מאה פעמים, אבער אפילו ביי הונדערט מאל חזר'ן, זאגט די גמרא אז עס איז א חילוק צווישן הונדערט, און הונדערט און איינס.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען שטייגען אין תורה ויראת שמים, און מען זאל אויסוואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודען, און די עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת. און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם זיך צו טרעפן אין ירושלים עיר הקודש, בבנין בית המקדש במהרה בימינו אמן.

*

***<u>שבת קודש פרשת בלק</u>***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכא בבית המדרש. **רבינו שליט"א** כיבד את הר"ר **שלמה יוסף ראאב** הי"ו לשור אליהו הנביא. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הגה"ק רבי משה דוד אשכנזי זצ"ל אב"ד טאלטשאווא** (לרגל יומא דהילולא ביום י"ח תמוז), **ומאת הרה"ק רבי שמחה ישכר בער מציעשנוב זי"ע** (מתוך הספר י"ג אורות). בברכת המזון נתכבד חדב"ן הרה"ג רבי **יואל האלברשטאם** שליט"א.

***<u>וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):</u>***

**היינט** נאכט איז די יארצייט פונעם **טאלטשעווער רב, רבי משה דוד אשכנזי זצ"ל**, דער שווער פונעם

**ייטב לב זי"ע.** דער **ייטב לב** האט געגעסן קעסט ביים שווער נאך די חתונה, און עס איז געווען א גרויס עניות אין שטוב, אזוי ווייט אז עס איז נישט געווען ממש וואס צו עסן, קוים א שטיקל ברויט האבן זיי געהאט צו עסן, און זיי האבן ממש געהונגערט, סיי דער שווער און סיי דער איידעם. ווען עס איז געקומען ווינטער, איז נישט געווען קיין האלץ מיט וואס מען זאל קענען הייצען, און מען האט כמעט נישט געהייצט א גאנצן ווינטער, אזוי ווייט אז די נעגל וואסער וואס מען האט צוגעגרייט, איז צופרי געווען געפרוירן. איך האב געהערט מפה קדשו פונעם **קלויזענבורגער רב זי"ע,** אז דער **ייטב לב** האט געזאגט, איין עולם הזה האב איך געהאט ביים שווער אין שטוב, אז צופרי ווען מען איז זיך געגאנגען טובל'ן אינעם קאלטן טייך, האב איך נישט געדארפט אויפברעכן די אייז, ווייל דער שווער האט עס שוין אויפגעבראכען פארדעם. דאס איז געווען די איינציגע עולם הזה וואס ער האט געהאט ביים שווער אין שטוב, אז ער האט נישט געדארפט אליין אויפברעכן די אייז. אזוי האט מען אמאל געלערנט.

*

**ווען** דער **טאלטשעווער רב** איז אלט געווארן זיבעציג יאר, האט ער געזאגט פארן **ייטב לב**, אז ער האט זיך פארגענומען, אז אויב דער אייבערשטער וועט אים געבן אריכת ימים ביז די זיבעציג יאר [אמאל איז מען אוועק זייער יונג, ביי די זיבעציג יאר האט מען שוין געהייסען א זקן], איז ער מקבל אויף זיך, אז ער וועט טון איינס פון די צוויי זאכען, אדער וועט ער דרוקען זיינע חידושים, אדער וועט ער ארויפגיין וואוינען קיין ארץ ישראל. ער האט זיך אפגעשפארט געלט, אז עס זאל דעקן איינע פון די צוויי זאכען. האט ער זיך מייעץ געווען מיטן **ייטב לב** וואס ער זאל טון. און דער **ייטב לב** האט אים מייעץ געווען, אז ער זאל גיין וואוינען קיין ארץ ישראל, און דער אייבערשטער וועט העלפן אז ער וועט האבן אריכת ימים, וועט ער נאכדעם דרוקען זיינע ספרים. - זעהט אויס אז ער האט געהאלטן, אז אויב ער וועט פארן קיין ארץ ישראל, וועט ער האבן אריכת ימים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים יא-כא) למען ירבו ימיכם וגו' על האדמה, וועט ער קענען אנקומען צו ביידע. - האט ער עס מקבל געווען, און ער האט איבערגעלאזט דעם רבנות, און ער איז ארויפגעגאנגען וואוינען אין צפת.

**אויפן** וועג, איז ער זיך געגאנגען געזעגענען פון **רבי הערשלע רימאנוב'ער**, און אנדערע צדיקים וואס זענען געווען בימיו, און ער איז אויך געווען ביי **רבי מאיר פרעמישלאנער זי"ע**, און ער האט דערציילט פאר **רבי מאיר פרעמישלאנער** אז ער גייט פארן קיין ארץ ישראל. האט אים **רבי מאיר פרעמישלאנער** געזאגט, איך וויל זעהן דעם פאספארט, האט ער אים געגעבן דעם פאספארט. און **רבי מאיר'ל פרעמישלאנער** האט עס אריינגעלייגט ביי זיך אין טאש, און ער האט געזאגט, מאיר'ל קען נישט אונטערשרייבן דעם פאספארט אז מען זאל קענען פארן, און ער האט עס אים נישט צוריקגעגעבן. ער האט געהאט דרך ארץ, אז **רבי מאיר'ל** האט צוגענומען דעם פאספארט וואס קען ער טון. איז ער געבליבן זיצען דארט אין פרעמישלאן א פאר טאג, ביז איין טאג רופט אים **רבי מאיר'ל פרעמישלאנער** אריין, און ער גיט אים צוריק די פאספארט, אז ער קען פארן. האט ער זיך צוזאמגעפאקט די פעקלער, אז ער זאל קענען פארן, און ער האט פארשפעטיגט דעם שיף וואס ער האט געדארפט פארן, און ער האט זיך שטארק מצער געווען. שפעטער האט ער געהערט, אז דער שיף איז איינגעזינקען אין וואסער, האט ער פארשטאנען אז **רבי מאיר'ל** האט דאס מרגיש געווען, האט ער אים נישט געוואלט צוריקגעבן דעם פאספארט, כדי ער זאל פארשפעטיגן דעם שיף, און ער זאל פארן מיטן צווייטען שיף.

*

**ווען** ער איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל האט ער זיך באזעצט אין צפת. און ער האט געהאט אוועקגעלייגט געלט, אז ער זאל זיך קענען בויען א הויז, האט מען אנגעהויבען צו בויען פאר אים א דירה דארט אין צפת. מען ווייסט אז אין צפת איז געווען א ערד ציטערניש יארן פריער, און אסאך הייזער זענען צוזאמגעפאלען, און אסאך הייזער זענען באגראבען געווארן מיט זאמד. ווען מען האט אנגעהויבן צו גראבן פאר אים א הויז, האט מען געזען אין די ערד, אז עס איז דא אזוי ווי א דאך פון א הויז, האט מען ווייטער געגראבן, האט

מען געטראפן אויף דעם פלאץ א גאנצע הויז, און אלע כלים וואס עס האט אוסגעפעלט, איז געווען דארט אינוויינינג אין שטוב, וואס עס איז געווארן צוגעדעקט ביי די ערד ציטערניש. האט ער נישט געדארפט אויסגעבן דאס געלט צו בויען דעם הויז, האט ער פון דעם געלט געדרוקט זיינע ספרים. האט ער געהאט סיי דעם הויז און סיי די ספרים, אזוי ווי דער **ייטב לב** האט געזאגט.

**דער טאלטשעווער רב** האט געלעבט נאך פערצן יאר אין צפת, ער איז אלט געווען פיר און אכציג יאר ווען ער איז אוועק, און ער האט געשריבען אין די צוואה, אז היות די הויז וואס ער האט געוואוינט, קוקט אים אויס ווי עס איז געווען מעשה נסים, אז ער זאל טרעפן א פארטיגע הויז ווי ער זאל קענען וואוינען, וויל ער אז דאס הויז זאל גיין פאר צדקה, מען זאל עס פארדינגען פאר מענטשען, און די שכירות וואס מען וועט באקומען דערפאר, זאל מען צוטיילען פאר די ארימעלייט. און ער גיט נישט קיין רשות פאר די אייניקלעך צו וואוינען אין דעם הויז, נאר אויב דער **ייטב לב** וועט זיך מיישב זיין, און ער וועט קומען וואוינען קיין ארץ ישראל, און ער וועט דארפען א דירה, קען ער וואוינען אין די דירה. און אפילו ווען דער **ייטב לב** קומט דארט וואוינען, גיט ער אים נאר א פלאץ וואו צו וואוינען, אבער ער דארף צאלען שכירות, און דאס געלט זאל מען צוטיילען פאר צדקה. אבער די איבריגע קינדער זאל קיינער נישט וואוינען דערין. - ער האט נישט געוואלט אז מען זאל מאכען א חזקה אויפן זיידע'ס דירה, און זיי וועלן דארט וואוינען אומזיסט. - און דאס געלט זאל מען צוטיילען יעדן ראש חודש, ווייל ער האט אלץ געהאט חשק צו מאכן א סעודת ראש חודש פאר ארימעלייט, און עס איז אים נישט אויסגעקומען אז ער זאל עס קענען מאכען בחייו, וויל ער אז דאס געלט זאל מען צוטיילען פאר די ארימעלייט אין ראש חודש.

*

**דער ייטב לב** שרייבט אין זיין ספר (**שו"ת אבני צדק** אה"ע סימן נ"ו), אז ווען ער האט געדרוקט זיין ספר **ייטב לב**, האט אים איינער פון די משפחה פארגעהאלטן, אז אינעם גאנצן ספר ברענגט ער נישט צו קיין איין ווארט פונעם שווער, דער **טאלטשווער רב**. האט דער **ייטב לב** געזאגט, אז ער האט נישט געדענקט א דבר אגדה פונעם שווער, און ער האט נישט מחדש געווען מיט זיינע ווערטער. דער שווער האט געדרוקט זיין ספר **באר שבע**, וואס האט ער געהאט מעתיק צו זיין סתם א זאך פון זיין ספר, האט ער עס נישט געטון. און מען האט אים ווייטער פארגעהאלטן, אז סוף כל סוף אז ער ברענגט נישט א ווארט פון זיין שווער, און ער דערמאנט אים נישט אינעם גאנצן ספר, וועט עס אויסקוקען ווי עס איז געווען עפעס א מחלוקת צווישן זיי.

**האט** דער **ייטב לב** געזאגט, אז ער האט געהאלטן אינמיטן דרוקן זיין ספר, ער האט געהאלטן ביי פרשת האזינו, און עס איז אויסגעגאנגען די פאפיר. און ווען דער דרוקער האט געבעטן אז מען זאל אים שיקן פאפיר, פלעגט ער אלץ באקומען תיכף, און יעצט האט ער נישט געקענט באקומען פאפיר צו דרוקן ווייטער. האט דער **ייטב לב** תולה געווען אז עס איז וועגען דעם ווייל ער ברענגט נישט א ווארט פונעם שווער, האט ער אין פרשת האזינו און אין פרשת וזאת הברכה געברענגט דריי שטיקלעך דברי תורה פון זיין ספר **באר שבע**, אנדעם וואס ער זאל עפעס צוגעבן דערויף, כדי מען זאל נישט זאגן שפעטער, אז עס איז געווען א הקפדה צווישן דעם **ייטב לב** און זיין שווער, אז ער האט נישט געדרוקט פון אים א דבר תורה.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.**

*

פעם לפני פורים הלך **הרה"צ רבי לייבוש מטאמשוב**, חתן **הגה"ק מציעשנוב**, לבית חמיו, והיה מהרהר אם צריך לשלוח משלוח מנות לחותנו או לא. כשנכנס לחותנו, אמר **הגה"ק מציעשנוב** להגבאי, אגיד לך מה לייבוש חושב עכשיו, הוא מעיין אם צריך לשלוח מנות לחותנו. אמר הגבאי, אם כן יגיד לו רבינו איך לעשות. השיב רבינו, בבעלזא שלחו משלוח מנות לחותן, ובשינאווא לא.

לבסוף שלח **הרה"צ רבי לייבוש**, **והגה"ק מציעשנוב** נהנה מזה. כי הגם שנהג על פי מנהג שינאווא, אבל בדברים הנוגעים להרבנית שהיתה בת **הגה"ק מהר"י מבעלזא** נהג מנהג בעלזא, וכדוגמא בכריכת ההושענות כרך את של

עצמו בערבה כמנהג שינאווא, וההושענא של זוגתו בעלי לולב כמנהג בעלזא.

**והעיר רבינו:** איך ווייסט נישט וואס די טעם פון די חילוקים זענען, איך מיין אז עס ווענט זיך צו דער שווער איז א 'רעהו' צו נישט. עס דארף דאך זיין משלוח מנות 'איש לרעהו', דארף מען וויסען ווי אזוי עס איז די פארבינדונג צווישן דעם שווער און דעם איידעם.

*

זקן אחד גביר וקמצן שהיה לו דלקת ריאות (לונגען אנטצינדונג) ל"ע, הזכיר את עצמו לפני **הגה"ק מציעשנוב**, אמר לו רבינו שאם יתן מאה זהובים לצדקה יוושע. כשהלך משם אמר רבינו שיודע שלא יבריא הלה מחליו, ואף על פי כן לקח ממנו מעות לצדקה, יען ריחם עליו שיבוא לעולם העליון בלי זכויות, על כן זיכהו במצות צדקה. [וזהו אהבת ישראל, שידע שיפורסם הדבר שנטל ממון ולא פעל כלום ויתבזה על ידי זה, ואפילו הכי לקח ממנו כדי לזכות את נשמת האיש במצוה. ומה שאמר לו שיוושע, אולי היתה כוונתו ישועת הנפש לעולם הבא].

**והוסיף רבינו:** א יוד האט מיר פארציילט, אז זיין פאטער איז געווען זייער נישט געזונט, און ער איז געווען א עושר, איז ער ארומגעגאנגען צו אלע צדיקים דאהי, אז מען זאל צוזאגען א רפואה פארן פאטער, און ער איז גרייט צו געבן וויפיל געלט מען וועט בעטן. האט ער מיר געזאגט אזוי, ער האט מיר געזאגט די נעמען, אטייל האבן געבעטן א גרויסע סומע געלט, און זיי האבן געזאגט, אז טאמער עס וועט נישט העלפן, וועלן זיי צוריקגעבען דאס געלט.

**ער** איז אויך געווען ביים **טאהש'ער רבי זצ"ל**, און דער **טאהש'ער רבי** האט נישט געבעטן קיין געלט, און ער האט געזאגט, איך זאג דיר צו, אז דער טאטע וועט געזונט ווערן. האט ער געזאגט, איך וויל עס בכתב. האט אים דער **טאהש'ער רבי** געשריבען א כתב, אז זיין טאטע וועט געזונט ווערן. און ער איז נישט געזונט געווארן, און ער איז אוועק. און איך מיין אז עס איז א געוואלדיגע מדריגה, אז כאטש ער האט געוואוסט, אז אויב עס וועט זיין אפגעשריבען א בריוו, אז ער זאגט צו א רפואה שלימה, און עס וועט נישט אזוי זיין, האט ער אבער געוואלט בארוהיגן יענעם, אז יענער זאל מתפלל זיין, און יענער זאל זיך גוט שפירן, האט ער געגעבן א בריוו, אז ער וועט האבן א רפואה שלימה. - עס איז ענליך צו די מעשה, אז ער האט גענומען פון אים געלט, כאטש ער האט געוואוסט אז עס וועט ארויסקומען פון דעם א בזיון, פון דעסטוועגן דאך האט ער עס געטון, כדי מזכה צו זיין דעם יוד.

*

**הגה"ק מציעשנוב** אמר, שאם נותנים אצל סעודת ברית דגים, אז ילמוד הילד חומש. ואם נותנים בשר, אז ילמוד גמרא.

**והעיר רבינו:** עס איז היינט נפרץ געווארן אין אסאך מקומות, אז מען גיט נישט קיין פלייש ביי די סעודה פון א ברית, נאר מען גיט מילכיגע סעודות. עס איז מסתבר ממליץ צו זיין דערויף, אז דאס וואס מען האט מחשיב געווען אז מען דארף עסן פלייש ביי א סעודת ברית, איז דער ענין דערפון, אז אמאל איז געווען זייער גרויס דאס עניות, מען האט נישט געהאט צו עסן פלייש און פיש. און ווען מען האט געמאכט א סעודה, האט מען זיך ממש אפגעשפארט פונעם ביסן פון מויל, און מען האט געגעבן צו עסן. און דער וואס האט מחשיב געווען די סעודה פון ברית מילה, האט געגעבן א גרויסע סעודה, אבער דער וואס האט עס נישט מחשיב געווען, האט געגעבן א קליינע סעודה. און אזוי ווי א קינד גייט דעמאלטס אריין בבריתו של אברהם אבינו, איז די עלטערן וואס האבן שטארק מחשיב געווען די סעודה פונעם ברית, און זיי האבן געגעבן א פליישיגע סעודה, איז עס געווען ממש מיט מסירת נפש, האבן זיי זוכה געווען אז די קינדער זאלן לערנען גמרא. אבער די וואס האבן נישט מחשיב געווען די סעודה אזוי שטארק, נאר מען האט געדארפט יוצא זיין און געבן א סעודה, און זיי האבן יוצא געווען מיטן געבן פיש, האבן זיי נישט זוכה געווען אז די קינדער זאלן לערנען גמרא.

**אבער** היינט, די וואס געבן די מילכיגע סעודות, איז דאס נישט ווייל זיי זענען נישט מחשיב די

סעודה, און זיי ווילן שפארן געלט אויף א סעודת מצוה, אדרבה עס קאסט היינט מער א מילכיגע סעודה, פון וויפיל עס קאסט א פליישיגע סעודה. - און זיי ווילן אז מער מענטשען זאלן זיך משתתף זיין צו עסן די סעודה, וואס היינט עסט נישט יעדער פלייש צופרי, איז אלץ די חשיבות פונעם סעודה געבן זיי מילכיגס. - דער ענין איז אפשר נישט דאס עסן פלייש, דער ענין איז דאס וואס א מענטש האט אויסגעגעבן געלט פאר די סעודה. און טאמער מען גיט אויס געלט ווייל מען וויל אז מען זאל עסן, און מען זאל מיטהאלטן די סעודה, האט עס מן הסתם אויך די סגולה, אז די קינדער זאלן אויסוואקסען תלמידי חכמים.

**זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל**